NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13117

ELDORADO

Moisei Pinchevskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ab50050

מ. פינטשעווסקי

עלדאָראדאָ



פאראנטוואָרטל. רעדאקטער — ל. מישקאָווסקי. טעכנישע רעדאקטאָרנ —
ג. פריצקער. אונ ש. בוים. קאָרעקטער — ב. סטעפאנסקי.
פאפיר 72X110 — 1/32. קג. 3¼ דרוקבויגנ. אינ איינ פאפיר־בויגנ 96000 צייכנס.
פארלאג נומ. Є־99. טיראזש 1850 עקז. 11־טע דרוקערײַ אופקפ״ט בערדיטשעוו.
באשט. נומ. 4750. באפולמ. פונ הויפטליט נומ. 2024. אָפגעגעבנ אינ זאצ 22/V—1936.
אונטערגעשריבנ צומ דרוק 27/XI—1936.

ab 50050

מ. פינטשעווסקי

עלדאָראדאָ

א פיעסע־מײַסעלע פאר קינדער וועגנ.
אינ 6 בילדער.

2/35850

מעלוכע־פארלאג
פאר די נאציאָנאלע מינדערהײַטנ אינ אוסר״ר־
קיעוו • 1936

געווידמעט דעם קיעווער
ייִדישן קינדער־טעאטער.
מ. פינטשעווסקי.

עס נעמען אָנטייל:

1. הענריכ — אן ארבעטער פון וויג.
2. מארגאריטא — הענריכס פרוי.
3. עלזא — זייער טאָכטער. אלט 7 יאָר.
4. דער אלטער מיט דער פלייט, — עלזאס זיידע.
5. וואלגאלע — די באלעבאָסטע פון הענריכס וווינונג.
6. ארבעטער.
7. א שכיינע.
8. צוויי פאָליציאנטן.
9. א פויער.
10. ציגײַנער.
11. א בער.
12. דרײַ מיידלעך.
13. אן אלטע ציגײַנערטע.
14. דער גרויסער קארליק — מאָקסאָ.
15. דער מיגיסטער.
16. די סוויטע.
17. קארליקעס.
18. סאָלדאטן.
19. הונגעריקע מענטשן.
20. 2 רויטארמייער, וואָס היטן די גרענעץ.
21. א יונגע לערערן.
22. סאָוועטישע קינדער.
23. שוצבונדלער.

באמערקונג: אינ פערטנ אונ אינ פינפטנ בילד פיגורירנ נאָכ: דער ריז, די שיינע פרוי אונ די צוויי וועכטער.

די ראָלע פונעם ריז ווערט אויסגעפילט דורכ דעם זעלבנ ארטיסט, וואָס שפילט — הענריכן; די ראָלע פונ דער שיינער פרוי — דורכ דער זעלבער ארטיסטקע, וואָס שפילט מארגאריטא, אונ די ראָלעס פונ די צוויי וועכטער — דורכ די זעלבע ארטיסטנ, וואָס שפילנ די צוויי פאָליציאנטנ.

דאָס ערשטע בילד

וױנטער. א פראָסטיקע נאכט. א באשיידנ צימער פונ אנ ארבעטער־פאמיליע אינ דער שטאָט ווינ. אינ צימער געפינענ זיך: די זיבנ־יאָריקע עלזא אונ איר גרײַזגרויער זיידע — דער אלטער מיט דער פליט. עלזא איז פארנומענ מיט אירע שפילעכלעך. דער אלטער זיצט קעגנ ברענענדיקנ אייװעלע אונ שפילט אפ דער פלייט. עס קומט ארײַנ װאלגאלע — די באלעבאָסטע פונ דער װוינונג — אנ אלטע דארע פרוי מיט א פריקרע פאָנעם, וױ א װעדמע.

װאלגאלע. אומרויִק. אומרויִק. אינ גאס איז אומרויִק! (דער אלטער קוקט אפ איר, ניט ארויסנעמענדיק די פלייט פונעם מויל. ער זיט אָנ אופהער איינ־אונ־די זעלבע נאָטע אונ קוקט איר גלײַך אינ די אויגנ).

װאלגאלע. איך זאָג: אינ גאס איז אומרויִק. די לופט גע־פעלט מיר ניט. (דער אלטער דרייט אוועק דעם קאָפ אונ זעצט פאָר שפילנ.)

װאלגאלע. אײַערע!.. מע װייסט. אײַערע גרייטנ זיך. (דער אלטער שפילט.)

װאלגאלע. איך װעל ניט דערלאָזנ קיינ פארזאמלונגענ אינ מײַנ הויז! ניינ. אונ ניינ! קיינ פארזאמלונגענ אינ מײַנ הויז װעל איך ניט דערלאָזנ! (דער אלטער שפילט).

װאלגאלע. עלזא! (עלזא גייט צו לאנגזאם צו װאלגאלענ.)

װאלגאלע. זאָג דײַנ פא אונ דײַנ מא, אז דאָ איז געװענ די הויזווירטנ — די מאדאם װאלגאלע — אונ האָט פארזאָגט, אז בא איר אינ הויז זאָל ניט געדאכט װערנ קיינ פארזאמלונגענ. פארשטאנענ? (מיט גיפט טרייסלט זי עלזאנ פארנ הענטל. עלזאס ליפנ הייבנ אָנ ציטערנ. זי צעוויינט זיך. דער אלטער שפרינגט אופ פונעם אָרט אונ מיט דער אויסגעשטרעקטער פלייט װײַזט ער אפ דער טיר.)

דער אלטער. מאדאם וואלגאלע! ביטע!

וואלגאלע. ווי וואגסטו עס? ווער איז באלעבאָס פונעם הויז?

דער אלטער. פארנעמט איַיך פונדאנען!

וואלגאלע. עלזא! זאָג דיַין פא און דיַין מא...

דער אלטער. ארויס!

(ער שטויסט זי ארויס.)

וואלגאלע. אז מאדאם וואלגאלע...

(זי איז שוין פון יענער זיַיט טיר. עלזא כליפעט. דער אלטער פארשפארט די מיר. ער בארויִקט עלזאן. ער זעצט זיך קעגן ברענענדיקן אייוועלע. עלזא איז בא אים אפ די קני. ער גלעט זי.)

דער אלטער. נו, שא, מיידעלע מיַינס.

עלזא. זיידע! פארוואָס טאָרן ניט זיַין קיין פארזאמלונגען בא אונדז אין צימער?

דער אלטער. וועסט עלטער ווערן — וועסטו פארשטיין.

עלזא. איך בין דאָך שוין א גרויסע. זיבן יאָר!

דער אלטער. פארוואָס־זשע פארשטייסטו נים?

עלזא. איך פארשטיי יאָ.

דער אלטער. וואָס־זשע פארשטייסטו?

עלזא. וואלגאלע...

דער אלטער. אָט־אָט־אָט.

עלזא. האָט פיַינט מיַין טאטן און מיַין מאמען... וויַיל...

דער אלטער. אָט־אָט־אָט.

עלזא. זיי זיַינען ארבעטער.

דער אלטער. ריכטיק. און איצט דארפסטו שוין גיין שלאָפן. 9 אזייגער.

עלזא. איך וועלווארטן, ביז דער טאטע מיט דער מאמען וועלן קומען.

דער אלטער. זיי וועלן היינט קומען שפעט.
עלזא. פונדעסטוועגן וועל איך ווארטן.
דער אלטער. ניין, עלזא. דער זיידע הייסט גיין שלאָפן.
עלזא. וועסטו מיר זינגען דאָס לידעלע?
דער אלטער. וואָסער לידעלע?
עלזא. וואָס די מאמע זינגט מיר, ווען איך לייג זיך שלאָפן — „עלדאָראדאָ".
דער אלטער. איך וועל דיר זינגען, מיידעלע מיינס.

(עלזא גייט צו איר בעטל הינטערן שפאניר־ווענטל. זי טוט זיך אויס.)

עלזא. זיידע! דו ביסט אויך אמאָל געווען אן ארבעטער?
דער אלטער. געוויס, מיין קינד. ווי דען אנדערש?
עלזא. און וואָס פאר אן ארבעטער ביסטו געווען, זיידע?
דער אלטער. א שלאָסער. איך בין געווען א שלאָסער, מיין טאטע — א שלאָסער, און מיין זיידע — אויך געווען א שלאָסער.
עלזא. דיין זיידע — אויך? פארוואָס־זשע האָט איר אלע דריי ניט געמאכט אזא גרויסן־גרויסן שלאָס מיט אזא גרויסן־גרויסן שליסל אפ צו פארשליסן אלע־אלע וואלגאלעס?
דער אלטער. מירן מאכן, עלזא. מירן מאכן. האָב קיין מוירע ניט. מיר וועלן זיי אין א שיינעם טאָג אזוי פארשליסן, אז זיי וועלן שוין מער די ליכטיקע שיין ניט זען.

(עלזא האָט זיך שוין געלייגט. דער אלטער לעשט אויס דאָס ליכט. פון אייוועלע שלאָגט א געדיכטע, רויטע שיין.)

עלזא. זינג מיר, זיידע, דאָס לידעלע „עלדאָראדאָ".

(דער אלטער זעצט זיך אפ א נידעריק בענקעלע לעבן עלזאס בעטל.)

דער אלטער. (זינגט).

וויַט איבער הונדערטער, טויזנטער מײַלן —
פאַראַנען א לאַנד מיט גילדענע זײַלן.
מיט זילבערנע ביימער, מיט דימענט־קאַסקאַדן.
דאָס לאַנד אָט דאָס דאָזיקע הייסט „עלדאָראַדאָ".

(ער שפּילט צו אָפ דער פלייט, דאַן זינגט ער ווײַטער.)

שטייען פּאַלאַצן אין לאַנד „עלדאָראַדאָ".
די דעכער — פון גאָלד. פון זילבער — די ראַנדן.
די שויבן — קרישטאָלן. די ווענט — אַלעבאַסטער.
די גאַסן — מיט גאָלד און מיט זילבער געפּלאַסטערט.

(ער שפּילט צו אָפ דער פלייט, דאַן זינגט ער ווײַטער.)

גילדענע פעלדער און...

עלזא. זיידע! וווּ געפינט זיך דאָס דאָזיקע שיינע לאַנד עלדאָראַדאָ?

דער אלטער. װער ווייסט.

עלזא. עך, ווען איך טרעף אָט דאָס דאָזיקע לאַנד, וואָלט איך אָנגענומען פולע קעשעניעס מיט גאָלד און מיט זילבער, און צוויי קוישעלעך מיט דימענטן און בריליאַנטן, און — דער מאַמען געגעבן, און דעם טאַטן געגעבן, און דעם זיידן, און דעם טאַטנס כאַווײרים, און — דער מאַמעס... כאַווערטעס... (זי דרעמלט אײַן.) וואָלט געוועזן גענוג ברויט אין שטוב... און גענוג קאַרטאָפל...

(זי ווערט אַנשלאָפן.)

דער אלטער. (זינגט).

גילדענע פעלדער און זילבערנע טאָלן.
און טײַכן מיט פּערל, און בערג מיט קרישטאָלן.
און ס'פּאַשעט אַף זילבערנע פעלדער אַ סטאַדע
מיט גילדענע לעמער פון לאַנד עלדאָראַדאָ.

(ער שפּילט צו אָף דער פלייט. עלזא שלאָפט שוין טיף. דער אלטער זינגט שוין ניט מער און שפּילט שוין ניט מער. אין דער ליולקע שטופּט ער אָן טאַבאַק און פאַררויכערט מיט אַ קויל פון דער פונעם אייוועלע.)

עלזא. (פון שלאָס.) זיידע... ווו געפינט זיך... דאָס שיינע לאנד... עלדאָראדאָ?

(דער אלטער גייט צו צו איר אם די שפיץ־פינגער און דעקט זי איַין. אין צימער הערשט א טיפע שטילקייט. דער אלטער רויכערט. זיינע שווארצע אויגן פינקלען אינעם פאס רויטע שייַן. עמעץ קלאפט אין טיר. דער אלטער כאפט זיך אום פון אָרט. ער עפנט.)

דער אלטער. דו, מארגאריטא?

מארגאריטא. איך, טאטע.

(עס קומט אריַין מארגאריטא — עלזאס מאמע. זי איז א יונגע פרוי. זייער א שיינע. אן ארבעטערן.)

דער אלטער. און ווו איז הענריך?

מארגאריטא. ער קומט גלייַך. דאָס קינד שלאָפט שוין? זי האָט עפעס געגעסן? די שאפע איז פוסט.

(זי גייט צו צו עלזאן. זי דעקט זי איַין. זי קושט זי לאנג. דאן רוקט זי צו נאָענט צום בעטל דאָס שפאניר־ווענטל און דרייט ארויס די שייַן. עס הערן זיך טריט. עס קומט אריַין הענריך — עלזאס פאָטער — אן ארבעטער. מיט אים צוזאמען קומען אריַין עטלעכע ארבעטער.)

הענריך. נו, אלטער?

(ער גייט צו צום שפאניר־הענטל און קוקט אריבער צו עלזאן.)

דער אלטער. ווידעראמאָל געווען די ווערמע.

מארגאריטא. וואלגאלע?

הענריך. וואָס האָט זי געחאָלמט?

דער אלטער. קיין פארזאמלונגען זאָל דאָ ניט זייַן.

מארגאריטא. נו?

דער אלטער. כ'האָב זי ארויסגעטריבן.

הענריך. גוט געטאָן, אלטער.

(ער בייגט זיך צו צום אלטן און זאָגט אים אפן אויער.)

דו ביסט גרייט? הײַנטיקע נאכט הייבט זיך עס אָן...

דער אלטער. הײַנטיקע נאכט? וויפל אזייגער?

הענריך. עס וועט זײַן א סיגנאל. די זאוואָדן וועלן פײַפן.

מארגאריטא. זיצט, כאוויירים. טאטע! בא דיר איז אלץ אין אָרדענונג?

דער אלטער. אלץ.

אן ארבעטער. די ווערמע האָט גאָ־גיט באמערקט?

דער אלטער. גאָרניט.

א צווייטער ארבעטער. וויפל זײַנען פאראן ביקסן?

הענריך. ס'וועט קלעקן.

א דריטער ארבעטער. אלטער! ס'ביסל קויעך האָסטו נאָך?

דער אלטער. ס'וועט קלעקן.

א פערטער ארבעטער. עס דארף גיין, ווי א קאָנ־ווייער.

דער אלטער. ס'וועט גיין.

(ס'איז שטיל. אלע זיצן אין דערוואַרטונג. אלע זײַנען אָנגע־שטרענגט. מיטאמאָל דערהערט זיך א פײַפערײַ און א הודעניש. דאָס פײַפן און הודען די ווינער פאבריקן און זאוואָדן.)

מארגאריטא. כאוויירים!..

הענריך. דער סיגנאל!

די ארבעטער. אלטער! אפ דײַן פּאָסטן!

(דער אלטער לויפט צו צו דער וואנט. ער כאפט אראָפּ טעלמאנס פּאָרטרעט. עס באווײַזט זיך א רובילניק. הענריך שטעלט זיך אוועק אינמיטן צימער. דער אלטער שליסט אײַן דעם רובילניק. אין דיל עפנט זיך א לאָך און אין איינ אויגנבליק ווערט הענריך פאר־שוווּנדן אין דער טיפעניש, און דער דיל איז שוין ווידעראמאָל גאנץ ווי געווען. דער אלטער שליסט נאָכאמאָל אײַן דעם רובילניק, און הענריך דערשײַנט ווי פונונטער דער ערד מיט עטלעכע ביקסן אין די הענט. ווידער דער רובילניק. הענריך איז ווידער

איַינגעזונקען, און אָט באוועגט זיך זי אפּ דאָס נײַ — אָט מיט ביקסן, אָט מיט גארטלען פּאטראָנעס, מיט האנט־גראנאטן, מיט רעוואָלווערן. מארגאריטא נעמט דאָס אלץ איבער פון הענריכס הענט און טיילט עס פאנאנדער צווישן די ארבעטער. דער אלטער פּיפּקעט די ליולקע און ארבעט באַם רובילניק אָן אופהער, מיט א קאלטער קאָנצענטרירטקייט און אויסגעמאָטשעטקייט. אין גאס הערט זיך א שיסעריַ, געשרייען. עס טופּען פערד, עס יאָגן רײַטערס.)

די ארבעטער. גיכער, אלטער, גיכער!

— הענריך! דו זאמסט זיך צו לאנג אין קעלער!

— מארגאריטא! דערלאנג פאטראָנעס!

— מיר — גראנאטן!

— געווער וועט קלעקן?

מארגאריטא. ס'וועט קלעקן!

(עס לויפט אריַין די באלעבאָסטע פונעם הויז — וואלגאלע. זי בלײַבט שטיין אינמיטן צימער. די האָר זײַנען בא איר צעפּאמלט. די אויגן איבערגעקערט. זי פּאָטשט מיט ביידע הענט.)

וואלגאלע. (שרײַט.) מערדערס! אויסוואורפן! בא מיר אין הויז א נעסט פון בונטארעס!

(עלזא האָט זיך אופגעכאפּט. זי כאפּט אפּ זיך גיך ארופ די קאָלדרע, און אן איַינגעהילטע אין דער קאָלדרע לויפט זי צו צו דער מוטער.)

מארגאריטא. (אָנלאָדנדיק די ביקסן.) גיי לייג זיך, עלזא. גיי, טאָכטער מיַינע. (זי לאָזט אָן די ביקסן און איינציַיטיק קושט זי עלזאן.) לייג זיך, טײַערינקע מײַנע. (זי זוכט אין קעשענע, אירע הענט ציטערן פון איַילעניש. זי געפינט, זי נעמט ארויס א פוטערבראָד.) נא, טעכטערל, עס, גיי אין דיַין בעטל און עס.

וואלגאלע. (שטייט נאָך אלץ אינמיטן צימער און פּאָטשט מיט די דארע הענט און שרײַט.) מערדערס! אויסוואורפן! בונטארעס!

(דער אלטער שליסט איַין דעם רובילניק, און וואלגאלע ווערט איַינגעזונקען אין דער טיפעניש אונטערן דיל).

די ארבעטער. גוט געטאָן, אלטער.

(דער אלטער שליסט נאָכאמאָל איין דעם רובילניק, און עס דער־שיינט העגריך מיט די לעצטע צוויי ביקסן. ער איז ארומגעגארטלט מיט פאטראָנעס. איינע ביקס גיט ער מארגאריטען.)

העגריך. כאווירים! — פאָרויס! —

(אלע יאָגן ארויס אפן דער גאס. העגריך באמערקט עליזאן. ער הייבט זי אויף אָן ווערטער. ער טוליעט זי צום הארצן. ער קושט זי. ער לאָזט זי צוריק אראָפ אפן דער ערד. ער שרייט אויס: — מארגאריטא! — און לויפט ארויס אפן דער גאס.)

מארגאריטא. (קושט און האלדזט עליזאן.) טאטע!.. דאָס קינד לאָז איך אפן דיר. היט זי אָפּ. אויב מיר וועלן זיך ניט אומקערן, טאטע, זאָלסטו זיין פאר איר ניט נאָר א טרייער זיידע, נאָר אויך א טרייער פאָטער און א טרייע מאמע.

(דער אלטער קושט מארגאריטען. ער שווייגט ווי א שטומער.)

מארגאריטא. דער זיידע, עליזא, וועט דיר זינגען לידעלעך. „עלדאָראדאָ" זינג איר, טאטע, „עלדאָראדאָ".

(זי לויפט ארויס. עליזא גייט צו צו דעם אלטן. זי גירערט זיך איין איין זיין שויס, אין צימער איז שטיל.)

עליזא. זיידע... דאָרטן... איך האָב מוירע.

(זי ווייזט אפן דיל.)

דער אלטער. פאר וועמען?

עליזא. פאר דער ווערמע...

דער אלטער. זי איז דאָך פארשפארט, און דו ביסט דאָך מיטן זיידן.

עליזא. דו וועסט אנשלאָפן ווערן — וועט זי ארויסקריכן...

דער אלטער. ניין, מיין קינד. איך וועל ניט אנשלאָפן ווערן. איך וועל וואך זיין א גאנצע נאכט.

(ער טראָגט צו עלזאַן צום בעטל. ער לייגט זי אַנידער. ער דעקט זי איין. ער הענגט צוריק אויף טעלמאַנס פּאָרטרעט. דאַן נעמט ער די פליט און לעשט אויס די שײַן. ער זעצט זיך צו אויפן נידעריקן בענקעלע. דאָס אייזעלע באַגיסט אים מיט שײַן, ער זינגט.)

— ווײַט איבער הונדערטער, טויזנטער מײַלן —
פאַראַנען אַ לאַנד מיט גילדענע זײַלן.
מיט זילבערנע ביימער, מיט דימענט־קאַסקאַדן.
דאָס לאַנד אָט דאָס דאָזיקע הייסט „עלדאָראַדאָ".

(ער שפּילט צו אויף דער פליט. עלזאַ שלאָפֿט אײַן. אויך דער אַלטער לאָזט, זינגענדיק, אַראָפּ דעם קאָפּ אַלץ נידעריקער. ער זינגט שוין קוים־קוים. ער דרעמלט אײַן.)

— שטייען פּאַלאַצן אין לאַנד... עלדאָראַדאָ...

(דער אַלטער איז אײַנגעשלאָפֿן. די רויטע שײַן פונעם אייזעלע גיסט זיך אין דער שטילקייט פונעם צימער. אין דער שײַן וויגט זיך דער שאָטן פונעם אַלטן, וועלכער שלאָפֿט זיצנדיק — מיט דער פליט אין דער האַנט. פונדרויסן דערטראָגן זיך שיסערײַען.)

דאָס צווייטע בילד

אין צוויי טעג ארום. דאָס צימער ווערט איצט באוויזן פון דער גאס. אפן פאָדערגרונט—א שמאָל געסל, וואָס שלענגלט זיך און ענדיקט זיך העט־ווײַט. לעבן טראָטואר — א צען שפאַן פון צימער—שטייט אן אײַזערנער מיסט־קאסטן. אין צימער געפינען זיך עלזא און דער אלטער. מיטן געסל גייט א פרוי. זי גייט ארײַן אין צימער. דאָס איז א שכיינע—אן ארבעטערן. זי שטעלט אוועק אפן טיש א טעפל קארטאָפל, ברויט, א פאָר ציבעלעס. זי גלעט עלזאן.

די פרוי. עסט.

(דער אלטער און עלזא עסן געשמאַק.)

דער אלטער. ווי האלט עס מיט אונדזערע?
די פרוי. זיי האלטן זיך נאָך ווי־ניט־ווי. אָבער...
דער אלטער. דער אופשטאנד איז פארשפּילט.

די פרוי. פארשפּילט.

(עס קומט ארײַן אן ארבעטער. ער גיט איבער דעם אלטן א צעטעלע און לויפט באלד ארויס. דער אלטער לייענט איבער דאָס צעטעלע. ער בלײַבט זיצן מיטן ביסן אין מויל.)

דער אלטער. (צו דער פרוי.) גייט! –
די פרוי. וואָס איז געשען?
דער אלטער. איר דארפט דאָ איצט ניט זײַן.

(ער פירט אָפּ די שכיינע אָן א זײַט און זאָגט איר אפן אויער, אז עלזא זאָל ניט הערן.)

דער אופשטאנד איז דורכגעפאלן. העגריכ און מארגאריטא – זײַנען ארעסטירט. אונדזער וווינונג האָט מען אנטדעקט.

די פרוי. עפשער מיטנעמען עלזאן צו אונדז?

דער אלטער. מע דארף נים. זי וועט בלײַבן מיט מיר. גייט!

(די שכיינע גייט אוועק. דער אלטער ווארפט ארײַן דאָס צעטעלע אין אייוועלע. עלזא עסט. דער אלטער איז אומרויִק. ער שטייט פארקלערט.)

עלזא. זיידע...

דער אלטער. (ציטערט אוס.) וואָס, הא, וואָס, עלזא? (ער קוקט מיט אומרו אינ שויב.)

עלזא. ווען וועט שוין קומען די מאמע מיטן טאטן?

דער אלטער. די מאמע?... מיטן טאטן?...

עלזא. יאָ.

דער אלטער. ווען זיי וועלן קומען?...

עלזא. יאָ.

דער אלטער. וועלן קומען! וועלן קומען! וואָס דען — זיי וועלן נים קומען? (פלוצעם שפרינגט ער אָן דעם בליק אינ פענצטער אונ טוט א געשריי.) אָט! אָט! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, עלזא. זע נאָר, ווער עס גייט! אָט גייען זיי דאָך! אי די מאמע, אי דער טאטע!

(אינ געסל באווײַזן זיך מארגאריטא אונ הענריכ. זיי אײַלן זיך. זיי קוקן זיך ארום. אָט זײַנען זיי שוין אינ צימער.)

עלזא. (פאלט צו צו זיי.) מאמעלע, פאפעלע, מאמע!

הענריכ. דאָס צעטעלע באקומען?

דער אלטער. באקומען.

מארגאריטא. אונדז איז געלונגען ארויסצודרייען זיך פונעם ארעסט.

הענריכ. מע שפירט אונדז נאָך. מיר דארפן פארשווינדן. מיר לויפן.

דער אלטער. וווהין? —

מארגאריטא. מיר ווייסן אליין ניט וווהין.

הענריך. מעגלעך, קיין טשעכאָסלאָוואקיע, און מעגלעך, אי־בער אן אנדער גרענעץ.

מארגאריטא. וווהין די אויגן וועלן טראָגן. נאָר אנט־לויפן מוזן מיר. מיר זיינען אריין אף א סעקונדע געזעגענען זיך... מיין קינד...

הענריך. עלזא!... (מער זאָגט ער גאָרניט. ער קושט זי און ווישט אויס א טרער.) אלטער! די שכניים ווייסן וועגן אלץ. זיי וועלן זאָרגן. פאר דיר. פארן קינד. מארגאריטא! קום.

(מארגאריטא דריקט עלזאן צום הארצן. זי שלינגט די טרערן. הענריך און מארגאריטא זיינען שוין אף דער שוועל. דער אלטער קושט זיך מיט זיי. אַט זיינען זיי שוין אינדרויסן. זיי לויפן. זיי פארשווינדן.)

אין צימער הענגט דער טרויער. ס'איז שטיל. דער אלטער און עלזא שטייען ווי פארהילצערט. זיי קוקן מיט ווייטיק אף דער פארמאכטער טיר. אין א ווײַלע ארום באנעמט עלזא, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זי פאלט צו צום אלטן.)

עלזא. זיידע!

(זי כליפעט. דער אלטער טרייסט זי אָן ווערטער. און דאן עפנט זיך פלוצעם די טיר, און עס באווייזן זיך צוויי פאָליציאנטן. עלזא טוליעט זיך צו צום אלטן. דער אלטער און עלזא רוקן זיך אף צו־ריק. די פאָליציאנטן גייען אף זיי. א לאנגע שטומע באגעגעניש.)

א פאָליציאנט. דאָ וווינט הענריך שטרויס?

דער צווייטער פאָליציאנט. און מארגאריטא שטרויס?

דער אלטער. יאָ.

ביידע. ווו זיינען זיי?

דער אלטער. איך ווייס ניט.

ביידע. בעסער זאָגט עמעס, אלטער.

דער אלטער. איך ווייס ניט.

איינער. אַט זי... ווי רופט מען דיך, מיידעלע?

עלזא. עלזא.

דער צווייטער. און וויפל יאָר ביסטו אלט?

עלזא. זיבן.

איינער. און ווו איז דיין פאפע?

עלזא. איך ווייס ניט.

דער צווייטער. און דיין מאמע?

עלזא. איך ווייס ניט.

ביידע. איז קום מיט אונדז.

דער אלטער. וווהין?

ביידע. אין פאָליציי.

דער אלטער. דאָס קינד? נאָך וואָס?

ביידע. אלס מאַשקע!

דער אלטער. (טוליעט זיך צו עלזאן, ער איז גרויזאם.) איר זיינט פון זינען אראָפּ? ס'איז דאָך א פּיצל קינד! איך וועל זי אייך ניט געבן.

איינער. מיר וועלן זי אליין נעמען.

דער צווייטער. און דו וועסט קומען מיט איר טאטע-מאמע נאָך איר, וועלן מיר זי דיר אָפּגעבן. קום, עלזא.

(איינער נעמט עלזאן פאר דער האנט. דער צווייטער קוקט אויס-פרווונדיק דעם אלטן אין די אויגן אריין. אין דעם אלטנס אויגן בליצט אוף א געדאנק. ער רוקט זיך לאנגזאם צו צו דער וואנט. אין איין אויגנבליק כאפט ער אראָפּ טעלמאנס פּאָרטרעט און שליסט איין דעם רובילניק. דער פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאנען אינמיטן צימער, ווערט פארשוווּנדן אונטער דער ערד. דער דיל האָט זיך פארמאכט און איז ווידער גאנץ. דער צווייטער פּאָליציאַנט איז פון שרעק אומגעפאלן. עלזא האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט. זי איז ארויס פון צימער אפ דער גאס. די גאס איז פוסט. זי קוקט זיך ארום: ווו זאָל זי זיך באהאלטן? זי דער-זעט דעם אייזערנעם מיסט-קאסטן. זי לויפט צו צו אים. זי שטרענגט אָן אלע אירע קויכעס און הייבט אוף די אייזערנע דעק. זי שפרינגט אריין אין קאסטן און פארמאכט זיך. דער אל-טער קוקט אין פענצטער. ער האָט דאָס אלץ צוגעזען. ער אָטעמט

לייגט אָפּ. ער שמייכלט. דערווייל איז דער צווייטער פּאָליציאַנט געקומען צו זיך. ער לויפט צו צו דער וואַנט און שליסט איין דעם רובילניק. פונוגטער דער ערד וואַקסט אויס פאַר זיינע אויגן אַן אויסגעשמירטע פרוי, אַ צעשויבערטע, אַ פאַרזעעניש. דאָס איז די ווערמע, די באַלעבאָסטע פון הויז — וואַלגאַלע. דער פּאָליציאַנט דערשרעקט זיך אָפּ טויט. ער כאַפּט זיך פאַרן רעוואָלווער און הייבט אָן צו פייפן. ער קוקט זיך איין אין דער פרוי. ער דערקענט זי.)

פּאָליציאַנט. (שרייט אויס.) מאַדאַם וואַלגאַלע!

(זי פאַלט כאַלאָשעס אין זיינע הענט. דער אַלטער שטייט באַם פענצטער און שמייכלט. דער פּאָליציאַנט דערמונטערט וואַלגאַלען. ער פרעגט בא איר:)

זיי... זיינען דאָרטן?

(ער באַווייזט אַפן דיל.)

וואַלגאַלע. ווער?

דער פּאָליציאַנט. הענריך און מאַרגאַריטאַ שטרויס?

וואַלגאַלע. ניין. דאָרטן איז פאַראַן בלויז איין מענטש.

דער פּאָליציאַנט. יאָ? פאַראַנען?.. איין מענטש?.. ווער, וועלכער?...

וואַלגאַלע. אַ פּאָליציימאַן.

דער פּאָליציאַנט. הא, יאָ... מיין שעפ איז דאָרטן!..

(ער ווישט אָפּ דעם שווייס פונעם שטערן. ער לויפט צו צו דער וואַנט. ער נעמט אָן דעם רובילניק. אין דער זעלבער צייט באַשליסט וואַלגאַלע זיך אָפּצוטראָגן פונדאַנען. זי קוקט מיט שרעק אַפן דיל, זי גייט אָפּ די שפּיצפינגער, זי הייבט עטוואָס אויף דאָס קלייד מיט ביידע הענט און גייט, וויגנדיק זיך, ווי אַ דראָטגייערן. און אַז זי קומט צו דעם אָרט, וווּ דער דיל עפנט זיך, — טוט זי אַ שפּרונג אַריבער מיט אַ מוירעדיקן קוויטש. אַז דער פּאָליציאַנט דערהערט דעם קוויטש, פאַלט ער אום פון שרעק. ער שפּרינגט אָבער באַלד אויף און כאַפּט זיך פאַרן רעוואָלווער און פאַרן פייפל.)

וואַס טוט זיך דאָ, צום טײַוול!

(וואלגאלע איז שוין אָבער אין צימער ניטאָ. זי איז אנטלאָפן. דער אלטער שטייט באַם פענצטער און שמייכלט. ענדלעך שליסט דער פּאָליציאַנט איַין דעם רובילניק און פונונטערן דיל דערשײַנט דער צווייטער פּאָליציאַנט. ער גלייכט זיך אויס די ביינער. ער רייניקט זיך אָפּ. ביידע ווישן זיך אָפּ דעם שווייס, טוען פעסט אָן די היטלען איבער די אויגן, שטעלן ארויס די ברוסטן און ווענדן זיך צום אלטן).

— קום!

דער אלטער. אלס מאשקן? כע־כע־כע.

ביידע. אלטער! מע וועט דיר שוין דאָרטן דערקלערן. געגאנגען! (אָט זײַנען זיי שוין אָפּ דער גאס. די פּאָליציאַנטן נעמען ארויס די רעוואָלווערן.) פּאָרויס!

(דער אלטער גייט פּאָרויס. די פּאָליציאַנטן גייען אים נאָך מיט די היטלען איבער די אויגן. דער אלטער נעמט ארויס פון דער קעשענע די ליולקע און דעם טאַבאַק. ווען ער גייט פאַרביַי דעם מיסט־קאַסטן, טרייסלט ער אויס די ליולקע, קלאפנדיק מיט איר אין דער אײַזערנער דעק פונעם קאסטן. ער קלאַפּט אין דער דעק און שמייכלט. דאָס געזעגנט ער זיך מיט עלזאַן. אָט זײַנען זיי שוין פאַרבײַגעגאנגען דעם מיסט־קאַסטן. אָט זײַנען זיי שוין באַם ראָג. עלזא הייבט לאנגזאם אויף די דעק און קוקט ארויס. זי זעט, ווי מע פירט דעם אלטן. אין דער זעלביקער צײַט שטעלט זיך דער אלטער אָפּ און קערעוועט זיך אויס מיטן פּאָנעם צו די פּאָליציאַנטן).

ביידע. פּאָרויס!

דער אלטער. איך וויל בלויז פאַרויכערן. דער ווינט שלאָגט אין פּאָנעם אריַין.

ביידע. אלטער! מאך עס גיכער!

(דער אלטער פארוויכערט און שמייכלט צו עלזאן. עלזא שטרעקט ארויס א שטיקל האנט און גריסט אים. דער אלטער ענטפערט איר מיט א גרויס אינדערלוסטן. די פּאָליציאַנטן קוקן זיך ארום. עלזא לאָזט שנעל אראָפּ די דעק פונעם קאסטן. דער אלטער מיט די פּאָליציאַנטן זײַנען שוין פארשוואונדן. עלזא קריכט ארויס פון איר באהעלטעניש. זי לויפט ארײַן אין צימער. זי בלײַבט שטיין אינמיטן דער פוסטקײַט. זי קוקט אַף די נאקעטע פיר ווענט. זי זעצט זיך צו א פארקלערטע. זי טראכט און עפּעס באשליסט זי. זי הייבט זיך האסטיק אוף. זי נעמט צונויף אייניקע זאכן. זי מאכט א קליינעם קלומעק. זי בינדט אים ארונטער אַף אירע אקס־לען. זי באטראכט נאָכאמאָל דאָס פוסטע צימער און הייבט אָן זינגען אין דער שטיל.)

עלזא. (זינגט.)

ווײַט איבער הונדערטער, טויזנטער מײַלן —
פאראַנען א לאנד מיט גילדענע זײַלן,
מיט זילבערנעביימער, מיט דימענט־קאסקאדן.
דאָס לאנד אַף דאָס דאָזיקע הייסט „עלדאָראדאָ״.

שטייען פאלאצן אין לאנד עלדאָראדאָ,
די דעכער — פון גאָלד. פון זילבער די ראנדן.
די שויבן — קרישטאָלן. די ווענט — אלעבאסטער.
די גאסן — מיט גאָלד און מיט זילבער געפלאסטערט.

(זי ווענדעט זיך אין אלע זײַטן פונעם צימער.)

בלײַב געזונט, היים דו מײַנע. בלײַבט געזונט, ליבע ווינ־קעלעך. ניטאָ די מאמע. ניטאָ דער טאטע. ניטאָ דער זיידע. איך גיי אוועק. איך גיי זוכן דאָס שיינע לאנד עלדאָראדאָ. (זי הייבט אוף טעלמאנס פּאָרטרעט. זי קושט אים.) בלײַב געזונט, טעדי טעלמאן. (זי דריקט אים צום הארצן.) אז איך וועל קומען אין דעם שיינעם לאנד עלדאָראדאָ, וועל איך דײַן בילד אײַנפאסן אין א ראם פון דימענטן און בריליאנטן.

(זי נעמט מיט זיך טעלמאנס בילד. אָט האָט זי שוין פארלאָזט דאָס צימער. אָט איז זי שוין אפ דער גאס. עס שנייט. זי בלייבט שטיין אינמיטן גאס. וווהין זאָל זי גיין? עס איילט פארביי א מענטש. זי פרעגט:)

זוו איז דער וועג צום שיינעם לאנד עלדאָראדאָ?

(דער מענטש איילט זיך. ער גייט פארביי. ער באטערקט זי ניט. אָט גייט נאָך א מענטש. זי פרעגט.)

ווו איז דער וועג צום שיינעם לאנד עלדאָראדאָ?

(אָבער אויך דער דאָזיקער מענטש גייט פארביי. ער איילט זיך. ער באמערקט זי ניט. אָט גייען אנקעגן צוויי מענטשן. זי פרעגט:)

ווו איז דער וועג צום שיינעם לאנד עלדאָראדאָ?

(די צוויי מענטשן שטעלן זיך אָפּ. זיי קוקן זיך איבער.)

דער ערשטער. (צום צווייטן.) **עלדאָראדאָ? דוכט זיך פאראן א קאפע־הויז, וואָס טראָגט דעם דאָזיקן נאָמען?**

דער צווייטער. יאָ. קאפע „עלדאָראדאָ". גיי, מיידעלע, גלייך, און דערנאָכדעם — פארנעם זיך אפ רעכטס...

(עלזא גייט. עס פאלט צו די נאכט. א געדיכטער שניי מישט זיך מיט דער טונקלקייט פונעם אָוונט. עלזא גייט לאנגזאם, לאנגזאם — בארג ארופ. אפ אירע אקסלען — דער קלומעק, און צום הארצן דריקט זי טעלמאנס בילד.)

דאָס דריטע בילד

א וועג צווישן פעלדער. א ברונעם. א גראָבער פּיליאָריקער דעמב — איינגאנצן אן אויסגעהוילטער. אין הינטערגרונט — א הויכער בארג, און נידעריקער — א טאָל. ס'איז נאכט. א זומער־נאכט. אפן שפּיץ בארג גייט אויף די לעוואָנע. עס ווערט ליכטיקער. צוזאמען מיט דער לעוואָנע באווייזט זיך אפן שפּיץ בארג — עלזא. זי בלייבט שטיין העט־אויבן א דערטרונקענע אין לעוואָנע־שיין. עס גייט איר אנקעגן א פּויער. ער שטעלט זיך אָפּ און באטראכט זי.

דער פּויער. וווהין גייט עס א מיידעלע איינע אליין באנאכט?

עלזא. קיין עלדאָראדאָ.

דער פּויער. ווו געפינט זיך דאָס דאָזיקע דאָרף? קיינמאָל פון אזא דאָרף ניט געהערט.

עלזא. ס'איז ניט קיין דאָרף, נאָר א לאנד.

דער פּויער. אזוי... א לאנד!

עלזא. פון גאָלד און זילבער; דימענטן און בריליאנטן.

דער פּויער. אזוי... גאָלד און זילבער? דימענטן און בריליאנטן?

עלזא. וואלגערן זיך דאָרטן אפ די גאסן!

דער פּויער. אפ די גאסן?! ווו־זשע געפינט זיך עס אָט דאָס גליקלעכע לאנד?

עלזא. ווייט... איבער הונדערטער, טויזנטער מיילן... א גוטע נאכט.

דער פּויער. א גוטע נאכט, מיידעלע. דו גייסט דיר ווי־

טער? און איך וועל דאָ איבערנעכטיקן.

(עלזא לאָזט זיך בארג אראָפּ. דער פויער קוקט איר לאנג נאָך. עלזא ווערט פארשווונדן אין טאָל. דער פויער מאכט זיך א געלעגער פון שטרוי אפּן שפּיץ בארג. ער זיצט א ווײַלע אין שטרוי און דערנאָך ציט ער זיך אויס טוט די הענט צוקאָפּנס און קוקט אין הימל ארײַן.)

(אין דער זעלביקער צײַט הערט זיך אונטן א גערויש. עס באַווײַזט זיך א כאפּטע ציגײַנער. צווישן זיי — אַן אלטע ציגײַנערטע. זי פירט א בער אפּ א קייט. די ציגײַנער שטעלן זיך אָפּ באַם ברונעם.)

א צ י ג ײַ נ ע ר. אָט דאָ וועלן מיר נעכטיקן.

(די ציגײַנער צעלייגן זייערע זאכן. אייניקע שעפּן אָן וואסער פון ברונעם און טרינקען. די אלטע ציגײַנערטע פויעט אָן דעם בער. די יונגע ציגײַנער צינדן אָן א שײַטער. די אלטע ציגײַנערטע בינדט צו דעם בער צום ברונעם. זי גיט אים עסן און זי רעדט צו אים. אין דער זעלביקער צײַט באַווײַזט זיך עלזא. זי דערזעט די ציגײַנער און דעם בער און דערשרעקט זיך. זי באַהאלט זיך הינטערן גראָבן דעמב.)

ד י צ י ג ײַ נ ע ר ט ע. (צום בער.)

— אוי דו בער, מײַן ליבער בער,
ביסט שוין אלט און ביסט שוין שווער.
און דו קאָנסט גיט טאנצן מער!

קאָנסט נאָר פּרעסן, קאָנסט נאָר זויפן,
קאָנסט נאָר פּאָפּן אינעם שטרוי.
כ'וועל א יונגן בער מיר קויפן —
ער זאָל טאנצן אָט אזוי.

(זי טאנצט און זי זינגט.)

— בערעלע, בערעלע — האָפּ, האָפּ, האָפּ!
אָט אזוי, פארײַס דעם קאָפּ!
און דאָס פיסעלע —

אינ דער הויכ!
אונ א פייַקעלע —
פונ בויכ!
אונ אינ בייַכעלע —
פויק, פויק!
אונ מיט קעפעלע —
א בויג!
אונ מיט אייגעלע —
א גלאנצ!
אונ א טענצעלע —
א טאנצ!

בערעלע, בערעלע — האָפ, האָפ, האָפ!
אָט אזוי פארייַס דעם קאָפ!

(עלזאנ פארכאפט די ראָזיקע סצענע. אָבער זי שרעקט זיכ. זי דערזעט, אז דער דעמב איז אויסגעהוילט — קריכט זי אריַינ אינעווייניק. זי שטעקט ארויס דעם קאָפ אונ קוקט זיכ צו מיט א שמייכל, ווי דער בער עסט אונ טאנצט. דער שייַטער ברענט. ארום אונ ארום האָבנ זיכ אויסגעזעצט די ציגייַנער. די מענער רויכערנ. די פרויענ ווארפנ צווייַגלעכ אינ פייַער אריַינ.)

איינ ציגייַנערטע. וואָס איז אזוי אומעטיק? דערלאנגט א ליד!

(די ציגייַנער זינגענ. צום אָנהייב שטיל, אונ דערנאָכ — וואָסאמאָל שטארקער.)

— פרונזע ווערדע — גרינע בלעטער...
אפ א בוים ארופגעקלעטערט
האָט דער בער נאָכ האָניק זיסנ —
האָבנ בינענ אים צעביסנ.
או — ליא — ליא.

אוי — ליא־ליא. אוי — ליא־ליא.
אוי — ליא־ליא. אוי — ליא־ליא

אָפּ, פּע דרומור — איבער וועגן...
איבער וועגן גיסט א רעגן.
פונעם רעגן מיט די בליצן
וועלן וואקסן פּיצקריצעס.
אר־ליא — ליא,
אוי — ליא־ליא. אוי — ליא־ליא,
אוי — ליא־ליא. אוי — ליא־ליא.

פּרונזע ווערדע — גרינע בלעטער...
האָט דער בער אראָפּגעקלעטערט.
פּיצעריצעס ניט געגעסן..
אוי, דעם האָניק ניט פארגעסן...
אוי — ליא — ליא.
אוי — ליא־ליא, אוי — ליא־ליא.
אוי — ליא־ליא. אוי — ליא־ליא.

אָפּ, פּע דרומור — איבער וועגן...
אויב איר האָט דעם בער באגעגנט —
לאָזט אים גריסן, לאָזט אים גריסן
פונעם האָניק פונעם זיסן...
אר־ליא — ליא.
אוי — ליא־ליא. אוי — ליא־ליא.
אוי — ליא־ליא. אוי — ליא־ליא.

(א יונגע ציגײַנערטע שפּרינגט אויס און לאָזט זיך אין א טאנץ — אין דער שײַן פונעם שײַטער. די איבעריקע זינגען און פּליעס־קען צו.)

— אוי — ליא־ליא. אוי — ליא־ליא
אוי — ליא־ליא. אוי — ליא־ליא.

(די שטילקײַט פונ דער נאכט ווערט אופגערודערט מיט צענדליקער ווײַטע אָפּקלאנגענ פונעמ ציגײַנערשנ ליד. דער פויער, וואָס איז געשלאָפנ אפנ שפיצ בארג, האָט זיכ אופגעכאפט אונ זיכ אופגע־זעצט. עלזא שטייט די גאנצע צײַט אינעמ אויסגעהוילטנ דעמב אונ קוקט זיכ צו. זי איז באגײַסטערט פונ דעמ, וואָס זי זעט אונ הערט. נאָר אָט ווערט שוינ דער שײַטער אלצ קלענער אונ קלע־נער. די ציגײַנער זינגענ מער ניט, טאנצנ מער ניט. זיי רוענ אָפּ.)

א צ י ג ײַ נ ע ר. אונ וווּהינ — מאָרגנ? שוינ די גאנצע וועלט אויסגעוואנדערט. אלע לענדער אויסגערײַזט. וווּהינ־זשע וועלנ מיר מאָרגנ ווײַטער גייִנ?

ע ל ז א. פארגעסט זיכ אונ זי טוט א זאָג מיט באגײַסטערונג) קיינ על־דאָראדאָ... (אונ זי דערשרעקט זיכ.)

די צ י ג ײַ נ ע ר. (מיינענ, אז דער ענטפער איז געקומענ פונ אײנעמ פונ זיי, אונ זיי טרעגנ אלע איבער.) עלדאָראדאָ?

די א ל ט ע צ י ג ײַ נ ע ר ט ע. ווער האָט עס געזאָגט „עלדאָ־ראדאָ“? פאראנענ, פאראנ אזא לאנד...

(עלזאס אויגנ ווערנ ברייטער. זי הערט זיכ אופמערקזאמ אײַנ.)

די א ל ט ע צ י ג ײַ נ ע ר ט ע. א לאנד פונ גאָלד אונ זילבער, פונ דימענטנ אונ בריליאנטנ.

די צ י ג ײַ נ ע ר. אונ בריליאנטנ...

די א ל ט ע צ י ג ײַ נ ע ר ט ע. אונ דאָס דאָזיקע לאנד איז ארומ־גערינגלט מיט א פעסטנ מויער. אונ וועכטער שטייענ אונ היטנ, אז קיינער זאָל אינ לאנד ניט ארײַנגייִנ אונ קיינער זאָל פונ לאנד ניט ארויסגייִנ, — וועכטער מיט קרומע שווערדנ...

די ציגײַנער. מיט קרומע שווערדן..

די אלטע ציגײַנערטע. און אין דעם דאָזיקן לאַנד הערשט דער גרויסער קאַרליק, וואָס זײַן נאָמען איז מאַקסאָ. און מאַקסאָ האָט קיינמאָל אין זײַן לעבן קיין בער ניט געזען.

די ציגײַנער. קיין בער?...

די אלטע ציגײַנערטע. און דעם גרויסן קאַרליק מאַקסאָ האָט זיך זייער פאַרוואָלט זען א בער. האָט מאַקסאָ דער גרויסער קאַרליק באַפוילן צו זײַן סוויטע און צו זײַנע וועכטער מיט די קרומע שווערדן: — אויב איר וועט זען א מענטשן מיט א בער — זאָלט איר עפענען פאַר אים די טויערן און אים ברענגען צו מיר — אײנײנעם מיטן בער. ווײַל איך זען א בער אף מײַן לעבן, און דערפאַר וועל איך יענעם מענטשן שענקען אוצרות מיט גאָלד און מיט זילבער און זעק מיט דימענטן און בריליאַנטן.

די ציגײַנער. און בריליאַנטן...

(דער שײַטער דערברענט און לעשט זיך אויס. די ציגײַנער ציִען זיך אויס אף די געלעגערס און שווײַגן. דער בער ליגט מיטן קאָפּ צווישן ביידע לאַפּעס. אויך עלזאַ וויל שוין שלאָפן. זי געהעצט. פונעם דעמב ארויס שטעקט זי אויס ביידע הענט ארוף און ציט זיך און ראָסטעט זיך. זי לאָזט זיך לאַנגזאַם אראָפּ אין דער טיפקײַט פונעם אויסגעהוילטן דעמב. איר קאָפּ ווערט פאַרשוווּנדן. זי באַווײַזט זיך ניט מער. זי שלאָפט שוין אינעם דעמב. און ארום איז שטיל, שטיל. אלץ שלאָפט. דאַן באַווײַזט זיך אפן שפּיץ באַרג א גרײַז־גרויער מאַן. דאָס איז דער אלטער — עלזאַס זיידע. ער גייט מיט א טאָרבע אף די פּלייצעס און מיט א לאַנגן שטעקן. ער שטויסט זיך אָן אין פויער, וואָס שלאָפט אפן שפּיץ באַרג אין שטרוי.)

דער אלטער. זאָג מיר, גוטער מענטש, צי האָסטו ניט געזען דאָ פאַרבײַגײן א קליין מיידעלע?

דער פויער. א קליין מיידעלע? געזען.

דער אלטער. געזען?! ווהין, וווהין איז זי געגאַנגען?

דער פויער. אהין איז זי געגאנגען. בארג־אראָפּ.

(דער אלטער שפאנט האסטיק אוועק. ער גייט בארג־אראָפּ. ער ווערט פארשוואונדן אין טאָל. אויך דער פויער האָט זיך אופגעהויבן און איז אוועק. עס טאָגט. די ציגײַנער וואכן אוף. זיי נעמען צונויף זייערע זאכן. זיי גייען אוועק. די לעצטע גייט די אלטע מיטן בער. די ציגײַנער פארשווינדן.

די ערשטע שטראלן פון דער זון. זיי פאלן אף די האָלעוועשקעס פונעם שײַטער.

פון דעמב באוועגט זיך עליזאס קאָפּ. זי רײַבט זיך אויס די אויגן. זי דערוואכט. זי קוקט זיך ארום: די ציגײַנער זײַנען שוין מער ניטאָ. זי קריכט ארויס פונעם בוים. זי גייט צו צום ברונעם און וואשט זיך ארום. זי דערזעט, אז ארום און ארום וואקסן בלימעלעך. זי גייט אָנרײַסן בלימעלעך. זי פארשווינדט.

אין דער זעלביקער צײַט באוועגט זיך עליזאס זיידע. ער שטעלט זיך אָפּ באם ברונעם און וואשט זיך ארום. דאן זעצט ער זיך צו אונטערן דעמב און בינדט זיך איבער די שיך. עליזא קומט מיט א גאנצן פאק פעלד־בלימלעך. זי זעצט זיך אויך אונטערן דעמב, נאָר פון דער צווייטער זײַט. דער דעמב איז זייער א גראָבער, און איינער באמערקט ניט דעם צווייטן. דער אלטער פארבינדט זײַנע שיך, און עליזא מאכט א בוקעט פון בלומען. די בלומען, וואָס זײַנען געבליבן, לייגט עליזא אוועק אין דער זײַט. דער אלטער באמערקט זיי צופעליק און ער נעמט זיי צו זיך. ביידע זײַנען שוין פארטיק. ביידע שטייען גלײַכצײַטיק אוף. ביידע לאָזן זיך גלײַכצײַטיק גיין: עליזא — רעכטס; דער אלטער לינקס. ביידע גייען מיט בלומען אין דער האנט. ביידע שמעקן די בלומען. די דיסטאנץ צווישן ביידע ווערט אלץ ברייטער און ברייטער. אָט ווערן זיי ביידע פארשוואונדן — עליזא אף רעכטס און דער אלטער אף לינקס.)

דאָס פערטע בילד

א ראנד פונ א געדיכטנ וואלד. א גרינע לאָנקע. ארומ אונ ארומ זעט מענ ניט קיינ לעבעדיק באשעפעניש. עס באווייזט זיכ עלזא. זי איז זייער מיד. קוים וואָס זי גייט. איר קלײדל איז שוינ זייער צעריסנ אונ פארלאטעט. פונ די שיכלעכ קוקנ ארויס די באָרוועסע פינגער. זי זעצט זיכ אנידער אינ גראָז. זי באטראכט אירע צעריסענע שיכ, דאָס צעפליקטע, פארלאטעטע קלײדל.

עלזא. (זינגט שטיל.)

וואנדערט אומ א מיידעלע —
א מידע אונ א מאטע,
אָנ מאמענ אונ אָנ טאטנ.
די שיכעלעכ, דאָס קלײדעלע —
א לאטע אפ א לאטע.

ווענ מיט מיר מײַנ מאמע איז,
וואָלט איכ דאָכ געהאט געוויס
א קלײדעלע — א ריינס,
א שיכעלע — א שיינס.

וואנדערט אומ א מיידעלע —
א מידע אונ א מאטע,
אָנ מאמענ אונ אָנ טאטנ.
קײַנ שיכעלע, קיינ קלײדעלע —
א לאטע אפ א לאטע.

(זי ווערט אנשלאָפנ. פונ וואלד באַווײַזט זיכ א פרוי. די פרוי איז זייער א שיינע. זי איז אָנגעטאָנ אינ א פרעכטיק דורכזיכטיק קלייד מיט שלייערנ. אפנ קאָפּ — א בלומענ־קרענצל. זי איז זייער ענלעכ אפ מארגאריטאנ — עלזאס בוסער, ווי צוויי טראָפנ וואסער. דער כילעק איז נאָר אינ די קליידער. נאָכ דער שיינער פרוי באַווײַזנ זיכ פונ וואלד דרײַ מיידלעכ. זיי זײַנענ אָנגעטאָנ אינ פארשיידנ־פארביקע דורכזיכטיקע קליידער. אפ די קעפּ — בלומענ־קרענצלעכ. אלע פיר דערשײַנענ טאנצנדיק.)

(דער אינהאלט פונעמ טאנצ איז אזא: די דרײַ מיידלעכ ווײַזנ אָנ דער שיינער פרוי אפ עלזאנ, וועלכע שלאָפט אינ גראָז. די שיינע פרוי טאנצט צו צו עלזאנ, בייגט זיכ אָנ איבער איר אונ קושט זי לײַכט אינ שטערנ. אזוי — עטלעכע מאָל, ביז וואנענ עלזא הייבט זיכ לאנגזאמ אופ אונ שטרעקט אויס די הענט צו דער שיינער פרוי.)

עלזא. מאמע... מא...

(אינעמ טאנצ באטײליקנ זיכ שוינ אלע פינפ. די שיינע פרוי באַווײַזט, טאנצנדיק, עלזאנ א נײַ קליידעלע, א זעלטנ שיינס. די מיידלעכ באַווײַזנ איר, טאנצנדיק, נײַע שיינע שיכעלעכ, זעקעלעכ, א קליינ קרענצל בלומענ. עלזא שטרעקט די הענט נאָכ די אלע שיינע זאכנ. די שיינע פרוי מיט די דרײַ מיידלעכ טאנצנ אַוועק אינ וואלד ארײַנ. עלזא טאנצט נאָכ זיי. באלד דערשײַנט די שיינע פרוי צוריק. זי טאנצט אליינ. עטוואָס שפּעטער דערשײַנענ די דרײַ מיידלעכ. זיי טאנצנ אינפירנ. אינ דאנ טאנצט פונ וואלד ארויס — עלזא. זי איז איצט שוינ אָנגעטאָנ אינעמ נײַעמ שיינעמ קליידעלע, אינ די נײַע שיכלעכ אונ אפנ קאָפּ א בלומענ־קרענצל. זי זעט אויס ווי א זומער־פײגעלע, — ווי א שמעטערלינג. אָבער אינ דער צײַט, ווענ עלזא איז דערשינענ פונ וואלד, איז די שיינע פרוי מיט די דרײַ מיידלעכ פארשוונדנ געוואָרנ. עלזא טאנצט אליינ. זי טרויערט. זי בענקט. זי טאנצט אלעכאָל צו צומ וואלד מיט אויסגעשטרעקטע הענט.)

מאמע...

אונ פלוצעמ דערשרעקט זי זיכ.

פונעמ וואלד באַווײַזט זיכ א ציגײַנערטע, וואָס פירט א בער. עלזא קוקט זיכ צו צו דער ציגײַנערטע: ניינ, ניינ. דאָס איז ניט די ציגײַנערטע פונעמ פריערדיקנ בילד. דאָס איז גאָר וואלגאלע: —

די דארע, צעשויבערטע, בייזע וואלגאלע ! די ווערטע ! מיט דער לאנגער נאָז. מיט די שארפע, שפּיציקע ציינער. עלזא טרעט אָפּ א דערשראָקענע.

וואלגאלע. (צום בער.) אוי, דו בער, מיין ליבער בער,
ביסט שוין אלט און ביסט שוין שווער,
און דו קאָנסט ניט טאנצן מער!

קאָנסט נאָר פרעסן, קאָנסט נאָר זויפן,
קאָנסט נאָר פּאָפן אינעם שטרוי!
כ'וועל א יונגן בער מיר קויפן —
ער זאָל טאנצן אָט אזוי.

(זי זינגט און טאנצט.)

בערעלע, בערעלע — האָפּ, האָפּ, האָפּ!
אָט אזוי פאריים דעם קאָפּ!
און דאָס פיסעלע —
אין דער הויך!
און א פּייקעלע —
פון בויך!
און אין בייכעלע —
פּויק, פּויק!
און מיט קעפּעלע —
א בויג!
און מיט אייגעלע —
א גלאנץ!
און א טענצעלע —
א טאנץ!

בערעלע, בערעלע — האָפּ, האָפּ, האָפּ!
אָט אזוי פאריים דעם קאָפּ!

(עלזא שטייט א דערשראָקענע. וואלגאלע דערזעט עלזאן. זי שרייט אויס:)

זע נאָר: א זומער־פייגעלע! א שמעטערלינג!.. אוי, ניין!
ס'איז דאָך עלזא!

עלזא. וואלגאלע!

וואלגאלע. אווי גאָר — דו, עלזא... ענדלעך האָב איך דיך געפּאקט! איצט — צערעכענען וועל איך זיך מיט דיר. פאר דיין טאטן, פאר דיין מאמען און פאר דיין זיידן!

(זי ווענדעט זיך צום בער:)

בערקע, בערקע, בערקעלע,
כאפּ זי אָן באם גערגעלע —
קריגסטו א צוקערקעלע!

דער בער. בהו — הו...

וואלגאלע. כאפּ זי אָן בא פיסעלע —
קריגסטו באלד א שיסעלע
מיט יאָדערלעך פון ניסעלעך!

דער בער. בהו — הו...

וואלגאלע. כאפּ זי אָן בא הענטעלע —
קריגסטו באלד א קענדעלע
מיט דימענטן און רענדעלעך!

דער בער. בהו — הו...

וואלגאלע. שלינגסטו איין דאָס מיידעלע,
מיטן שיינעם קליידעלע —
קריגסטו זיסע קניידעלעך!

דער בער. מיט האָניק?

וואלגאלע. אוודאי! א פאַלאַנעק,
פול מיט ריינעם האָניק!

דער בער. גוט...

מיידעלע, מיידעלע, קום אהער —
צו דעם גוטן שיינעם בער!

עלזא. בערעלע, בערעלע, כ'וועל ניט גיין,
ווייל מיך שרעקן דיינע ציין!

דער בער. מיידעלע, מיידעלע, קום צו מיר —
וועל איך גיין א טאנץ מיט דיר!

עלזא. בערעלע, בערעלע, טאנץ אליין,
ווייל מיך שרעקן דײַנע ציין!

(דער בער טאנצט צו צו איר. עלזא אנטלויפט. דער בער לויפט איר נאָך. אָט־אָט כאפט ער זי. נאָר פלוצעם שפרינגט פון וואלד ארויס א ריז און פארשטעלט דעם בער דעם וועג. דער ריז איז זייער ענלעך צו הענריכן — עלזאס פאָטער, ווי צוויי טראָפּן וואסער. דער חילעק איז נאָר אין די קליידער. און אָנגעטאָן איז דער ריז אין קליידער, וואָס זײַנען זייער ענלעך צו די קליידער פון א רויטארמייער. אז וואלגאלע דערזעט דעם ריז — מאכט זי א געוואלד און אנטלויפט. אויך עלזא איז אנטלאָפן, און צווישן ריז מיטן בער פארבינדט זיך א קאמף. ענדלעך כאפט דער ריז דעם בער און פארווארפט אים אפן האלדז־און־נאקן און שפאנט מיט אים אוועק אין וואלד אריין. די בינע איז ליידיק. פונעם וואלד דערטראָגט זיך דאָס רוישן פון צעבראָכענע ביימער און צווייגן און דער געשריי פונעם בער. און אין א ווײַלע ארום ווארפט דער ריז ארום אף דער בינע די אָפגעשונדענע פעל פונעם בער. און דאן פארשווינדט דער ריז. פון איין זײַט בינע באווײַזט זיך — עלזא, און פון דער אנטקעגנדיקער זײַט — וואלגאלע. אז וואלגאלע דערזעט די פעל פונעם בער, ווארפט זי זיך ארום אף איר און קלאָגט און וויינט.)

וואלגאלע. דערהארגעט דעם בער!... ניטאָ מער קיין בער!... וויאזוי וועל איך איצט קומען צום גרויסן קארליק מאַקסאָ, אז איך האָב ניט קיין בער... אז ניטאָ מער קיין בער...

(זי דערזעט עלזאן.)

האַ! שולדיק איז דאָס דאָזיקע שמעטערלינג! ווארט, ווארט־צו זומער־פייגעלע! איך וועל זיך מיט דיר באלד צערעכענען!

(זי פאקט א נעצל, מיט וועלכן די קינדער כאפן שמעטערלינגען, און הייבט זיך אָן יאָגן נאָך עלזאן. זי דערגרייכט זי און פארווארפט אף איר דאָס נעצל. דאן נעמט זי די פעל פונעם בער און מיט זי אָן אף עלזאן.)

אָט אזוי! איצט האָב איך מיר נאָכאמאָל א בער! קום, קום, בערעלע!

(זי שלעפּט זי פאר דער קייט.)

וואָס, דו ווילסט ניט גיין? ווו איז די בייטש?!

(זי כאפּט די בייטש און פארטעסט זיך מיט איר אפ עלזאן.)

עלזא. וווהין ווילסטו מיך פירן?

וואלגאלע. קיין עלדאָראדאָ! צום גרויסן קארליק מאַקסאָ!

עלזא. קיין עלדאָראדאָ?... גוט. גוט. איך וועל שוין גיין. איך וועל שוין גיין. שלאָג מיך ניט. איך גיי. קום, קום קיין עלדאָראדאָ...

(וואלגאלע גייט פאָרויס, און עלזא אין דער סעל פונעם בער גייט איר נאָך אפ דער קייט. זיי ווערן ביידע פארשווונדן. אין דער זעלבער צייט הייבט זיך אום א פאָרהאנג און עס באווייזט זיך א מאסיווער טויער אין א גראָבער וואנט — ווי א פעסטונג. אפ דער וואנט שטייט א וועכטער מיט א שפּאקטיוו. אונטן באם טויער שטייט א צווייטער וועכטער מיט א קרומער שווערד. ביידע וועכטער זיינען זייער ענלעך צו די צוויי פּאָליציאנטן פונעם צווייטן בילד — ווי צוויי טראָפּן וואסער. דער כילעק איז נאָר אין די קליידער. אפן טויער איז מיט גרויסע גילדענע אויסיעס אָנגעשריבן דאָס וואָרט „עלדאָראדאָ". דער וועכטער, וואָס שטייט אפ דער וואנט און קוקט אין שפּאקטיוו, — כוט זיך מיטאמאָל א וואָרפ און הייבט אָן שרייען.)

דער וועכטער. (פונויבן.) אוי. — אוי. — אוי. — א בער! א בער! א בער!

דער וועכטער. (פונונטן.) — א בער?! ווו? ווו? ווו? ווו?

דער וועכטער. (פונויבן.) — ער גייט גלייך צו אונדז! —

אוי. — אוי. — אוי. — א בער! א בער! א בער! א בער!

(ביידע בלאָזן אין די טראָמפּייטן און וועגדן זיך מיט א געשריי אין אלע פיר זייטן.)

ביידע וועכטער. א בער!

א בער!
א בער!
א בער!

זאָגט אָן די פסורע דעם גרויסן קארליק מאָקסאָ: עס גייט צו אונדז א בער! עס קומט צו אונדז א בער! אָט איז ער שוין, דער בער!

(עס עפנט זיך דער טויער, און עס שיטן זיך ארויס מאָדנע מענטשן אין טעטשונעדיקע קליידער. צווישן זיי זײַנען פאראן אויך קארליק־לעך מיט לאנגע ווײַסע בערד. זיי האָבן ארום. זיי קוקן איינער איבערן צווייטנס קאָפּ. זיי האלטן אין איין פרעגן: — ווו? ווו? ווו איז דער בער? דאן באווײַזט זיך א שרעגגע מאָדנע סאָל־דאטן, מיט אויערינגלעך און מיט פאנצערס, מיט רינגען אין די נעז און מיט פעדערן אף די קעפּ. די קארליקעס, די איבעריקע מענטשן אין די סאָלדאטן שטעלן זיך אויס אין צוויי רייען. דאן באווײַזט זיך א מעשונעדיקער אָרקעסטער מיט פריקרע אינטטרו־מענטן. עס טוט א דונער א שרעקלעכער מארש. ענדלעך באַ־ווײַזט זיך פונעם וואלד וואלגאלע מיטן בער. עס ווערט א געפיל־דער און א געשריי. מע שפרינגט און מע קוויטשעט און מ'איז אויסער זיך. מיט גרויס פאראד פירט מען דורך וואלגאלען מיטן בער דורכן אָפענעם טויער. א קלאָון שפרינגט פאָרויס און האלט זיך אין איין קוליען און ברעכן. נאָכן קלאָון — דער אָרקעסטער. נאָכן אָרקעסטער — די סאָלדאטן מיט די אויערינגלעך און מיט די פעדערן. נאָך די סאָלדאטן — וואלגאלע מיטן בער. נאָכן בער — די קארליקעס מיט די לאנגע ווײַסע בערד. נאָך די קארליקעס — דער איבעריקער עולם. אלע שרײַען און גוואלדעווען.)

אלע. צום גרויסן קארליק מאָקסאָ! צום גרויסן קארליק מאָקסאָ!

•

(אז אלע זײַנען שוין פארבײַגעגאנגען — פארמאכט דער וועכטער דעם טויער און פארשליסט אים מיט אן אומגעהויערן גרויסן שלאָס.)

דער וועכטער. (סונונטבן.) האָסט געזען א מין בער?

דער וועכטער. (כונויבן.) דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זע איך א בער.

דער וועכטער. (פרנונטנ.) שוין איינמאָל א בער!

(פלוצעם באווייזט זיך דער ריז, וועלכער איז אָנגעטאָן אין קליי־דער, וואָס זיינען ענלעך צו די קליידער פון א וויטאַרמייער, און די שיינע פרוי, און די דריי מיידלעך, און דער אלטער מיט דער פלייט.)

דער וועכטער. וווהין?

די שיינע פרוי. קיין עלדאָראַדאָ.

דער וועכטער. קיין עלדאָראַדאָ טאָר קיינער ניט אריינקו־מען!

די שיינע פרוי. פאַרוואָס?

דער וועכטער. א געזעץ אזא פון גרויסן קאַרליק מאָקסאָ.

דער ריז. עפנט דעם טויער!

דער וועכטער. פאַר קיין פרעמדע ווערט דער טויער ניט געעפנט!

דער ריז. וועל איך אים אליין עפענען!

דער וועכטער. וועל איך דיך טויטן!

(דער ריז לאָזט זיך צום טויער. דער וועכטער גיט אים א קלאַפּ מיט דער קרומער שווערד איבערן האַלדז־און־נאַקן. די שווערד ברעכט זיך אָבער באַלד איבער אף צווייען. נעמט דער וועכטער, וואָס שטייט אף דער וואַנט, א גרויסן שטיין און וואַרפט אים אַראָפּ אפן קאָפּ פונעם ריז. ווערט דער שטיין צעשמעטערט אף שטיקלעך, און דעם ריז זאָל עס אָנהייבן אַרן. שפּרינגען ביידע וועכטער אַרופּ אף אים, נעמט דער ריז זיי ביידן אָן פאַר די קעלנער און הייבט זיי אוף אינדערלופטן — טעלעבענדען זיי ביי־דע מיט די פיס און שרייען.)

ביידע וועכטער. אוי. אוי. לאָז אָפּ! מיר וועלן שוין מער ניט.

(לאָזט זיי דער ריז אָפּ — אַנטלויפן זיי אין וואַלד אריין פייל־אויסן־בויגן. שפּאַרט זיך דער ריז אָן אינעם טויער און שטופּט אָפּ איין העלפט וואַנט אין דער רעכטער זייט און די צווייטע העלפט

זואַנט אין דער לינקער זײַט. דאַן אַנטפּלעקט זיך פֿאַר די אויגן א גאַס מיט צוויי אַלייען זילבערנע און גילדענע ביימער. און די טראָטואַרן שטעמפּירן און פֿינקלען, ווײַל זיי זײַנען געפּלאַסטערט מיט דימענטן און בריליאַנטן, און אין דער טיף, אין הינטערגרונט, זעט זיך אָן א פּאַלאַץ מיט גילדענע קאָלאָנעס, זילבערנע טרעפּ און קרישטאָלענע שויבן. נאָר אונטער די גילדענע און זילבערנע ביימער זיצן בינטלעך מענטשן — אָרעמע, הונגעריקע, בלאַסע, אָפּגעריסענע. דער ריז, און די שיינע פּרוי, און די דרײַ מיידלעך און דער אַלטער מיט דער פֿלייט גייען צו צום ערשטן בינטל מענטשן.)

דער ריז. ווער זײַנט איר?

די מענטשן. מיר זײַנען די אײַנוווינער פֿונעם לאַנד על־דאָראַדאָ.

די שיינע פּרוי. פֿאַרוואָס זײַנט איר אַזוינע בלאַסע?

די מענטשן. מיר זײַנען הונגעריק.

דער אַלטער. אינעם גילדענעם לאַנד — הונגעריקע מענטשן?

די דרײַ מיידלעך. נאַקעטע און באָרוועסע?

די מענטשן. די אויצרעס, וואָס מיר האָבן געשאַפֿן, — געהערן ניט צו אונדז.

דער ריז. און זײַנע באַגלייטער. צו וועמען דען?

די מענטשן. צום גרויסן קאַרליק און צו זײַנע סוויטע.

דער ריז. ווו וווינט ער, דער גרויסער קאַרליק?

די מענטשן. אין יענעם פּאַלאַץ.

דער ריז. מיר וועלן זיך נאָך זען!

די מענטשן. ווער ביסטו?

דער ריז. דער ריז.

די מענטשן. ווען וועלן מיר זיך זען?

דער ריז. עפּשער נאָך הײַנט!

די מענטשן. ווו?

דער ריז. דאָרטן, ווו איר וועט הערן עס שפּילט א פֿלייט, — אַהין זאָלט איר קומען.

(דער ריז מיט זײַנע באַגלײטער גײען מיט דער לענג פֿון דער גאַס. זײ דערנעענטערן זיך צום פּאַלאַץ. נאָך זײ גײען נאָך די־מענטשן — די הונגעריקע און בלאַסע, די נאַקעטע און באָרוועסע. אָט זײַנען זײ שױן אױף דער העכסטער טרעפּ, װאָס פֿירט צום אַרײַנגאַנג אין פּאַלאַץ. די אָרעמע שטײען פֿונונטן.)

דער ריז. (װענדעט זיך צו די מענטש.)

— **אַז די פֿלײט װעט שפּילן!..**

די מענטשן. (פֿונונטן.) **אַז די פֿלײט װעט שפּילן...**

דאָס פינפטע בילד

אינעווייניק אינ פּאלאץ. א גרויסער זאל, וואָס בלענדט די אויגנ מיט גאָלד און זילבער, מיט דימענטנ און בריליאַנטנ. אויבנאָנ שטייט א טראָנ. דער זאל איז פּוסט. נאָר אָט באווייַזט זיך דער ריז און זייַנע באגלייטער. זיי קוקנ אויס דעם זאל. אומעטום באַגעגנט זיי א קאַלטע שטילקייַט. פּלוצעם דערהערנ זיך טריט. דער ריז און זייַנע באגלייטער באהאלטנ זיך אונטער די פאָרהאנגענ. אינ זאל קומט אריַינ עפּעס איינער א מענטש, ווייַזט אויס, א מיניסטער, און צוזאמענ מיט אים א קארליקל.

דער מיניסטער. די פרוי מיטנ בער וועלנ זיך געפינענ אָט דאָ הינטער דעם דאָזיקנ פאָרהאנג. דו וועסט שטיינ לעבנ זיי און וועסט זיי היטנ. אז איך וועל ענדיקנ מייַנ באגריסונג צום גרויסנ קארליק—דארפסטו באלד פאנאנדערציִענ דעם פאָרהאנג און ארויסרירנ צום טראָנ די פרוי מיטנ בער. פארשטאנענ?

דער קארליק. פארשטאנענ.

(ביידע עפענענ די טיר און עס קומט אריַינ וואלגאלע מיטנ בער. דער קארליק פירט זיי ארונטער הינטערנ פאָרהאנג און פארבלייַבט מיט זיי דאָרטנ. דער מיניסטער גייט ארויס און פארמאכט נאָך זיך די טיר. דער ריז, די שיינע תרוי, די דריַי מיידלעך און דער אלטער מיט דער פליט גייענ ארויס פונ זייערע באהעלטענישנ. דער ריז ווינקט צו זיי, אז זיי זאָלנ זייַנ שטיל. ער פארשווינדט הינטערנ פאָרהאנג, ווו עס געפינט זיך דער קארליק און וואלגאלע מיטנ בער. לויט די באוועגונגענ פונעם פאָרהאנג זעט מענ, אז דאָרטנ קומט פאָר א קאמפ. אינגיכנ פליט וואלגאלע ארויס פונ הינטערנ פאָרהאנג און פאלט אפנ דיל. נאָך וואלגאלענ פליט אויך

ארויס דער קאַרליק. שרײַען קאָנען זיי ניט און זען זעען זיי גאָר־ניט־ניט, ווײַל דער ריז האָט בײַ זיי בײַדן פאַרבונדן די אויגן און דאָס מויל. דער פאָרהאַנג באַוועגט זיך אַלץ, און באַלד שפּרינגט ארויס — עלזאַ. זי לויפט צו צו דער שיינער פרוי. די שיינע פרוי, דער אַלטער און די דרײַ מיידלעך קושן זי און גלעטן זי. דאַן באַווײַזט זיך דער ריז. ער הייבט אויף וואַלגאַלען און דעם קאַרליק און פירט זיי צוריק אַרונטער הינטערן פאָרהאַנג און דאָרטן פאַרבלײַבט ער שווײַג מיט זיי. עס הערן זיך שטימען און טריט. די שיינע פרוי, עלזאַ, דער אַלטער און די דרײַ מיידלעך באַהאַלטן זיך. עס קומט אַרײַן די סוויטע מיטן גרויסן קאַרליק מאָקסאָ. דער גרויסער קאַרליק איז אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין גאָלד. זײַן באָרד איז אויך א גילדענע. דאָס פּאָנעם איז אויך פון גאָלד. און זײַנע הענט זײַנען אויך פון גאָלד. דער גרויסער קאַרליק זעצט זיך אַפן טראָן, דער אָרקעסטער שפּילט דעם שרעקלעכן מאַרש. און די סוויטע שטעלט זיך אַפּ די קני. דאַן הייבט דער מיניסטער אָן זײַן באַגריסונג.)

דער מיניסטער. גרויסער קאַרליק מאָקסאָ! הערשער פונעם לאַנד עלדאָראַדאָ! זײַ געגריסט!

(אַז דער מיניסטער האָט געענדיקט די באַגריסונג, ציט זיך פונאַנ־דער דער פאָרהאַנג און עס באַווײַזט זיך דער ריז. ער שטייט אַפּ דער פעל פונעם בער, מיט איין פוס אָנגעשפּאַרט אַפן בערס קאָפּ. הינטערן ריז זיצן אײַנגעקנוילט דער קאַרליק און וואַלגאַלע מיט פאַרבונדענע אויגן און מײַלער. אַז די סוויטע דערזעט דעם ריז, באַפאַלט זיי א צאָרן און א שרעק. דער גרויסער קאַרליק מאָקסאָ שפּרינגט ארופּ אַפן טראָן און שטרעקט אויס א גאָלדענעם פינגער מיט א באַפעל.)

דער גרויסער קאַרליק. כויט אים!

(די שיינע פרוי, עלזאַ, די דרײַ מיידלעך און דער אַלטער גייען ארויס פון זייערע באַהעלטענישן. קיינער וואַגט ניט צוצוגיין צום ריז.)

דער גרויסער קאַרליק. טויט אים!

דער ריז. אַלטער! די פּלייט!

(דער אלטער עפנט די טיר פונעם פאלאץ, ער נעמט די פלייט, ער שטעלט זיך אוועק אינ דער אָפענער טיר און הייבט אָנ שפילנ אפ דער פלייט. אינ זאל רייסנ זיך אריינ די הונגעריקע און אָפּ־געריסענע מענטשנ. עס הייבט זיך אָנ א קאמפּ. דער גרויסער קארליק מיט זיינ סוויטע טרעטנ אָפּ. די אָרעמע פארפאָלגנ זיי. די זאל ווערט פוסט. עס בלייבנ בלויז — דער ריז און עלזא.)

עלזא. ווו איז די שיינע פרוי?

דער ריז. פארשוווּנדנ געוואָרנ.

עלזא. און דער גוטער אלטער מיט דער פלייט?

דער ריז. פארשוווּנדנ געוואָרנ.

עלזא. איך בינ אזוי מיד... און שלעפעריק.

(דער ריז נעמט זי אפ די הענט און טראָגט זי צו צום טראָנ. ער בעט איר אויס מיט שיינע אויסגענייטע קישעלעך.)

דער ריז. ליג זיך, מיידעלע. שלאָפ זיך־אויס.

עלזא. דו ביסט אזוי ענלעך צו מיינ טאטנ... ווי צוויי טראָפּנ וואסער.

דער ריז. און ווי רופט מענ דיינ טאטנ?

עלזא. הענריך... הענריך שטרויס...

(זי דרעמלט איינ.)

דער ריז. און ווער איז ער, דיינ טאטע?

עלזא. א שוצבונדלער... אפ די באריקאדנ... אינ ווינ... דו ביסט אזוי ענלעך צו מיינ טאטנ... ווי צוויי טראָפּנ וואסער...

(זי ווערט אנשלאָפנ. דער ריז שטייט אָנגעבויגנ איבער איר און גלעט זי. עס ווערט אלץ טונקלער, טונקלער. עס ווערט אינגאנצנ פינצטער. — שטאָק פינצטער. — מע זעט ניט גאָרנישט־ניט. און אָט ווערט פאמעלעך ווידעראמאָל ליכטיק. און אז עס ווערט שוינ גוט ליכטיק — איז קיינ פאלאץ מער ניטאָ. און קיינ גילדענע אלייענ זיינענ שוינ אויך מער ניטאָ. און ניטאָ מער קיינ טויער מיט קיינ פעס־טונג. נאָר ווידעראמאָל זעט מענ א ראנד פונ א וואלד. און לעבנ וואלד—א גרינע לאָנקע. און ארום־און־ארום זעט מענ ניט קיינ לע־

בעדיק באשעפעניש. אונ פונקט ווי אינ אָנהייב פונעם פּריִערדיקנ בילד, זעט מענ, ווי עלזא ליגט אפנ גרינעמ גראָז אונ שלאָפט אזוי־ ווי זי איז אנשלאָפּנ געוואָרנ — אינ די צעריסענע שיכלעכ אונ אינ צעריסענעמ קליידל. אונ אָט באוויַזט זיכ א רויטארמייער, וואָס היט די סאָוועטישע גרענעצ, אונ ער באמערקט עלזאנ. ער גייט צו צו איר, ער דערזעט טעלמאנס פּאָרטרעט, וואָס עלזא טוליעט, שלאָפנדיק, צומ הארצנ.)

דער רויטארמייער. (צו זיכ אליינ). א קינד?...

(ער הייבט זי אָנ וועקנ).

—

מיידעלע...

(עלזא עפנט אופ די אויגנ. זי דערזעט, ווי איבער איר שטייט אָנ־ געבויגנ א רויטארמייער. זי איז נאָכ פארשלאָפנ. זי קוקט אימ אָנ מיט א שמייכעלע, מיט דאנקבארקייט.)

עלזא. (צומ רויטארמייער זייער היימיש.) דו ביסט אזוי ענלעכ צו מיַינ טאטנ... ווי צוויי טראָפּנ וואסער...

דער רויטארמייער. אונ ווי רופט מענ דיַינ טאטנ?

עלזא. כ'האָב דאָכ דיר ערשט געזאָגט: הענריכ רופט מענ אימ, הענריכ שטרויס...

דער רויטארמייער. אונ ווער איז ער, דיַינ טאטע?

עלזא. אזוי גיכ האָסטו שוינ פארגעסנ? כ'האָב דאָכ דיר ערשט נאָרוואָס געזאָגט: א שוצבונדלער... איז מיַינ טאטע... אפ די באריקאדנ... אינ וויִנ...

(זי דערזעט פּלוצעמ איר צעריסנ קליידל אונ די צעריסענע שיכ. זי ווערט וואכ. זי קומט צו זיכ. זי שפּרינגט אופ. זי קוקט זיכ ארומ...)

ווו בינ איכ?

(זי באטראכט דעמ רויטארמייער.)

ניינ, ניינ. דו ביסט גאָר אנ אנדערער! ווו בינ איכ?

דער רויטארמייער. אינ עס־עס־עס־ער. אינעם לאַנד פונ די ראַטנ.

עלזא. אינ עס־עס־עס־ער? אינעם לאַנד פונ די ראַטנ?

דער רויטארמייער. דיר האָט זיכ געכאָלעמט א כאָלעם, מיידעלע...

עלזא. יאַ... א כאָלעם... אזא וווּנדערלעכער כאָלעם...

(עס דערהערט זיכ מוזיק פונ א פלייט. א באַקאַנטע מעלאָדיע, די ליד „עלדאָראַדאָ“.)

עלזא. אוי... א פלייט...

(עס דערהערג זיכ טריט. דער רויטארמייער כאַפּט זיכ פאַר דער ביקס. עלזאַנ שטעלט ער אפּ גיכ אוועק הינטער א בוים.)

דער רויטארמייער. אָט דאָ שטיי, מיידעלע. ריר זיכ ניט פונ אָרט!

(עס באַווייַזט זיכ דער אלטער — עלזאַס זיידע. ער גייט אונ שפּילט אפּ דער פלייט. דער רויטארמייער צילט אָנ די ביקס. ער שרייַט אויס.)

שטיי! אז ניט, וועל איכ שיסנ!

עלזא. (שפּרינגט ארויס פונ הינטערנ בוים אונ שרייַט אויס.) שיס ניט! דאָס איז דאָכ מייַנ זיידע!

(זי לויפט אימ אנקעגנ.)

דער אלטער. עלזא! קינד! מיידעלע מייַנס!

(ער פאַלט צו צו איר אונ קושט זי לאַנג. זי פירט צו דעם אלטנ צומ רויטארמייער.)

עלזא. מייַנ זיידע... מייַנ אלטער, גוטער זיידע...

דער רויטארמייער. אויכ א שוצבונדלער?

עלזא. געוויס! דאָס האָט ער דאָכ אינ יענער נאַכט גע־

האָלפנ טיילנ געווער. דאָס האָט ער דאָך אריַנגעוואָרפנ אינ קע־לער אריַנ די ווערמע אונ דעם פאָליציימאנ! געדענקסט, זיידע?

(זי טוליעט זיכ צו אים.)

דער אלטער. ענדלעכ האָב איכ דיכ געפונענ, מיידעלע מיַינס!

(עס באוויַיזט זיכ א צווייטער רויטארמייער. דער ערשטער גיט אימ איבער דעם פאָסט.)

דער ערשטער רויטארמייער. קומט מיט מיר.

(דער רויטארמייער נעמט עלזאנ אפ די הענט אונ לאָזט זיכ גייג באנאנד מיטנ אלטנ).

עלזא. דו ווייסט, ווו מיר געפינענ זיכ, זיידע?

דער אלטער. איכ ווייס, איכ ווייס, מיַינ קינד.

עלזא. א רויטארמייער! טאקע אנ עמעסער רויטארמייער!

(זי נעמט פעסט ארומ דעם רויטארמייער מיט ביידע הענטלעכ פארנ האלדז אונ דריקט אימ פעסט צו זיכ. זי קושט אימ שטארק אינ די באקנ, אינ מויל, אינ די אויגנ. זי קושט אימ, אונ זי לאכט, אונ זי וויינט. אויכ דער אלטער גיימ אונ שמייכלט, אונ ווישט אלע מאָל אָפ א טרער פונעמ אויג. זיי גייענ צו דער אוואנסצענע. אונ דער רויטארמייער טראָגט עלזאנ אפ די הענט. אונ זיַינ פאָנעמ איז באלויכטנ מיט א שטילנ הארציקנ שמייכל. אונ אינ הינטער־גרונט איז געבליבנ דער צווייטער רויטארמייער. ער שטייט פעסט אפ דער וואכ.)

דאָס זעקסטע בילד

אין גאָרטן פאר קולטור און אָפרו. א גאָלדענער זומער־טאָג. די קליאָנעג זײַנען דערטרונקען אין גילדענער שײַן. עס שפאצירן מענטשן דורך באשטראלטע אלייען. די בינע שטעלט מיט זיך פאָר א פראכטפולן קינדער־פלאץ. דאָס זאמד שימערט אפ דער זון, ווי גאָלד. קינדער מיט באלויכטענע פנעמער, מיט ברוינע לײַבער שפילן זיך אפן קינדער־פלאץ. אין הינטערגרונט — א פרעכטיקער פאָנטאן. סטאטוען — ספאָרט־פיגורן. קלומבעס. בייטן בלומען. א יונגע לערערן שפילט זיך מיט די קינדער. עלזא און דער אלטער זײַנען אויך פאראן אפן קינדער־פלאץ. זיי שטייען פונדערווײַטנס. זיי קוקן, ווי די קינדער שפילן זיך, קלעטערן אפ די לייטערס, אפן טורניק. די יונגע לערערן גייט צו צו עלזאן.

די לערערן. און דו, מיידעלע, פארוואָס האלסטו זיך פונדערווײַטנס?

עלזא. איך בין מיט מײַן זיידן.

די לערערן. פון וואָס פארא שול ביסטו?

עלזא. פון לעבן דער בריק.

די לערערן. וואָס פאר א בריק?

עלזא. נו... דרײַ קווארטאלן בארג־אראָפ פון 1־טן שאטנרינג...

(די קינדער רינגלען ארום עלזאן און קוקן זי נײַגעריק אָן.)

די לערערן. פון 1־טן שאטנרינג? קינדער! איר האָט געהערט פון אזא שול?

די קינדער. ניין.

ניט געהערט.

דער אלטער. ווי האָבן זיי געקאָנט הערן, אז די שול געפינט זיך אין ווינ!

די קינדער. אין ווינ?!

די לערערנ. אין ווינ? איר זייַנט פונ ווינ? שוצבונדלער?

עלזא אונ דער אלטער. שוצבונדלער.

עלזא. איך בינ שוינ דאָ א כוידעש צייַט. כ'האָב שוינ אזוי־פיל שיינע זאכנ געזענ. אונ איצט בינ איך געקומענ מיטנ זיידנ אינ גאָרטנ... זיך שפּילנ.

די לערערנ. געפעלט דיר בא אונדז אינ פארבאנד?

עלזא. זייער.

די לערערנ. פארוואָס געפעלט דיר דער ראטנפארבאנד?

עלזא. ווייַל איך געפעל אים!.. מיר איז דאָ גוט. פרייליכ... מיר וואָלט נאָך פרייליכער געווענ, ווענ מייַנ מאמע אונ מייַנ טאטע זייַנענ אויך דאָ מיט מיר...

די קינדער. אונ וווּ איז דייַנ מאמע אונ דייַנ טאטע?

עלזא. איך ווייס ניט...

(אפ א ווייַלע ווערט שטיל. עלזא לאָזט טרויעריק אראָפּ דעם קאָפּ. די קינדער קוקנ אפ איר מיט טיפנ מיטלייד.)

די לערערנ. ווי הייסטו?

עלזא. עלזא.

די קינדער. קום, עלזא, מיט אונדז — וועלנ מיר צוזאמענ זיך שפּילנ. קום, קום מיט אונדז.

עלזא. איך בינ מיטנ זיידנ.

די קינדער. זאָל דער זיידע אויך גיינ! קומט, קומט, זיידע, וועלנ מיר זיך שפּילנ צוזאמענ!

(דער אלטער לאכט: — כע... כע... כע... די קינדער ציִענ עלזאנ אונ דעם אלטנ פאר די הענט. עס ווערט א ראָד. די קינדער טאנצנ. דער אלטער איז אויך אינמיטנ.)

די לערערנ. אונ איצט — אינ בלענזעניש!

די קינדער. אינ בלענזעניש! אינ בלענזעניש!

(די קינדער פארבינדנ דעמ אלטנ די אויגנ. די שפיל הייבט זיכ אנ. ס'איז פריילעכ. מע לאכט. דער אלטער וויל כאפנ די קינדער אונ עס געלינגט אים ניט. ענדלעכ כאפט ער עלזאנ. מע בינדט אים אפ די אויגנ. ער איז, ווי א קינד, צופרידנ. די שפיל ווערט פאָרגעזעצט, אָבער דאָס מאָל שוינ אינ הינטערגרונט. אינ דער אלייע אפ דער וואאנסצענע באווייזנ זיכ העגריכ אונ מארגאריטא. זיי דערנעענטערנ זיכ צומ קינדער־פלאצ. זיי קוקנ, ווי די קינדער קלעטערנ אפ די לייטערס, אפנ טורניק. זיי באמערקנ ניט די קינדער, וואָס שפילנ זיכ אינ הינטערגרונט מיט עלזאנ אונ מיטנ אלטנ.)

מארגאריטא. העגריכ! ס'ארא שיינע קינדער־וועלט אינ דעמ דאָזיקנ גליקלעכנ לאנד... אונ עלזא איז ווו? הונגעריק, באָרוועס, נאקעט — ווער זאָרגט עס איצט פונ אירעטוועגנ? ווער גיט איר עסנ? ווער לייגט זי שלאָפנ?

(מארגאריטא וויינט.)

העגריכ. מארגאריטא! וואָס טוסטו? וויינ ניט, מארגאריטא. עלזא איז דאָכ געבליבנ מיטנ אלטנ. מיר וועלנ פארדינענ די ערשטע סומע געלט, וועלנ מיר זיי אריבערנעמענ צו אונדז.

(זיי גייענ לאנגזאמ אוועק. זיי פארשווינדנ צווישנ די ביימער. אפ דער וואאנסצענע באווייזנ זיכ עלזא אונ דער אלטער.)

עלזא. זיידע... ס'ארא שיינע קינדער־וועלט אינ דעמ דאָזיקנ גליקלעכנ לאנד... אונ ווו זאָל איצט זיינ מיינ מאמע? אונ מיינ טאטע?.. זיידע... איכ בענק אזוי נאָכ זיי...

(עלזא וויינט.)

דער אלטער. עלזא! וואָס טוסטו?! (ער ווישט איר אויס די אויגנ.) וויינ ניט, קינד. דיינ מאמע לעבט. דיינ טאטע לעבט.

(פאוזע.) איך בין דאָך א שלאָסער! איך וועל פאַרדינען די ערשטע סומע געלט — וועלן מיר זיי אריבערנעמען צו אונדז!

(עס קומען צו לויפן די קינדער מיט דער יונגער לערערן.)

די קינדער. עלזא! דעקלאמירן קאָנסטו?

עלזא. ניין.

די קינדער. און טאנצן?

עלזא. קאָן איך. אָבער... איך וועל ניט טאנצן.

די קינדער. טאנץ! טאנץ!

עלזא. מיר ווילט זיך איצט ניט טאנצן. אז מײַן מאמע און מײַן פאפע וועלן קומען צו אונדז — וועל איך דעמלט טאנצן. אוי, וועל איך טאנצן!

די קינדער. נו, און זינגען קאָנסטו?

עלזא. זינגען... יאָ! זינגען קאָן איך. איך וועל פאר אײַך זינגען!

(די קינדער זײַנען גליקלעך. זיי פליעסקען. זיי טאנצן אונטער פרײד.)

די קינדער. עלזא וועט זינגען!

עלזא וועט זינגען!

עלזא. א שלאָף־ליד. די ליד, וואָס מײַן מאמע פלעג מיר זינגען, ווען זי פלעג מיך אײַנשלעפן. „עלדאָראדאָ" הייסט די ליד. זיידע... שפּיל!

(דער אלטער שפּילט אף דער פלייט. עלזא זינגט.)

ווײַט איבער הונדערטער, טויזנטער מײַלן —
פאראנען א לאנד מיט גילדענע זײַלן.
מיט זילבערנע בײמער, מיט דימענט־קאסקאדן.
דאָס לאנד, אָט דאָס דאָזיקע, הייסט „עלדאָראדאָ".

(דער אלטער שפּילט צו אף דער פלייט. אין הינטערגרונט באַווײַזן זיך העניך און מארגאריטא. זיי באמערקן ניט די קינדער

מיט עלזאנ. נאָר מארגאריטא איז מיטאמאָל געוואָרנ אופמערקזאם. זי האָט דערהערט עפעס א באקענטע מעלאָדיע. עלזא זינגט ווײַ־טער.)

גילדענע פעלדונ אונ זילבערנע טאָלנ,
אונ טײַכנ מיט פערל אונ בערג מיט קרישטאָלנ.
אונ ס'פאשעט אפ זילבערנע פעלדער א סטאדע
מיט גילדענע לעמער פונ לאנד עלדאָראדאָ.

(דער אלטער שפילט צו אפ דער פלייט.)

מארגאריטא. הענריכ! דעם טאטנס פלייט...
הענריכ. מארגאריטא! עלזאס שטימע!

(מארגאריטא לאָזט זיכ לויפנ. זי שרײַט: — עלזא! עלזא! זי לויפט אונ זי זוכט מיט פײַער אינ די אויגנ. מיט איר צוזאמענ לויפט הענריכ. ביידע שרײַענ: — עלזא! עלזא! אונ עלזא זעצט פאָר איר ליד. נאָר אָט זײַנענ שוינ הענריכ אונ מארגאריטא אפנ פאָ־דערגרונט. עלזא האָט זינגענדיק דערזענ איר טאטנ אונ איר מאמענ. זי זינגט, אונ אירע ליפנ ציטערנ. זי גלייבט זיכ ניט. זי זינגט אונ זי קוקט אפ הענריכנ אונ מארגאריטאנ. זי קוקט, זי ברעכט די פינגער אונ זי זינגט. די קינדער אונ די לערערנ קוקנ שטומ אפ עלזאנ אונ אפ די צוויי מענטשנ, וואָס שטייענ פונדערווײַטנס מיט אויסגעשטרעקטע הענט אנקעגנ עלזאנ.)

מארגאריטא אונ הענריכ. עלזא! טאָכטער!
עלזא. מאמע! פאפע!

(זיי אָרעמענ זיכ לאנג מיט עלזאנ אונ מיטנ אלטנ. אייניקע קינ־דער קאָנענ זיכ ניט באהערשנ. זיי ציִענ די טיכעלעכ צו די אויגנ. אויכ די יונגע לערערנ באהערשט זיכ קוים. זי ווערט אָבער באלד ערנסט.)

די לערערנ. (שרײַט אויס צו די קינדער.) טרערנ ?.. (אונ אליינ וויינט זי.) טרערנ... נאָר ?.. ווענ עלטערנ — שוצבונדלער מיט קינדער — שוצבונדלער באגעגענענ זיכ אינ זייער פאָטערלאנד — איז דארפ

מען עס וויינען? דאָס איז דאָך א יאָנטעוו! א פרייד א
ורויסע!

דער אלטער. כאוועַרטע ליבע... אין לעבן זײַנען אויך פאראנען טרערן—פון פרייד... און בא מיר—פון דער גרעסטער פרייד אין מײַן לעבן...

די לערערן. וואָס־זשע איז אזוי שטיל געוואָרן, קינדער?

די קינדער. עלזא! עלזא! האָסט צוגעזאָגט טאנצן! אָט איז דײַן טאטע. אָט איז דײַן מאמע.—טאנץ!

מארגאריטא. האָסט צוגעזאָגט, טעכטערל?

הענריך. איז האלט וואָרט!

(עלזא טאנצט. זי טאנצט און זי לאכט, און טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן.)

עלזא. (זינגט.) א שיינע לעגענדע, א שיינע באלאַדע—
פאר אָרעמע קינדער א מײַסעלע—רייצ.
ניטאָ איז אינערגעץ קיין לאנד עלדאָראדאָ!
ניט אין אמעריקע! ניט אין דער שווייצ!

הענריך. פאראנען, פאראנען א לאנד עלדאָראדאָ—
מיט גילדענע זומערס, און ווינטערס—ברילִיאנט!
איר ווייסט עס געוויס און איר קענט עס אוהאדע,
איר זײַנט דאָך די קינדער פון דאָזיקן לאנד!

מארגאריטא. די שיינע לעגענדע איז עמעס געוואָרן,
די שיינע באלאדע געוואָרן איז וואָר!
זאָל לעבן דאָס גילדענע לאנד פון אווראָרע!
זאָל לעבן דער שענסטער, דער גליקלעכסטער דאָר!

אלע. די שיינע לעגענדע איז עמעס געוואָרן,
די שיינע באלאדע געוואָרן איז וואָר!
זאָל לעבן דאָס גילדענע לאנד פון אווראָרע!
זאָל לעבן דער שענסטער, דער גליקלעכסטער דאָר!

Ціна 75 коп.

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

М. Пінчевський

ЕЛЬДОРАДО

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ